פונקט ווי געשפּענסטער וואָלטן דאָ געאַרבעט. דאָס, וואָס אייער אויג זעט, איז געוואָרן פון אונזער ביבליאָטעק.

— וואָס־זשע איז פּאַרט אַזוינס געשען?

— וואָס איז דאָס פּאַרט אַזוינס געשען, ווילט איר וויסן? עס איז געשען פּראָסט־פּשוט אַזאַ געשעעניש:

אונזערע פּאַרטייען, הגם זיי זענען סאָלידאַריש און קאָמפּאַ־פּאָליטיש אין גרינדן דעם קולטור־פאַקטאָר, ד. ה. אונזער ביבליאָ־טעק, האָבן זיי דאָך אויף דער אָרענע פון דעם באָדן פון אונזער ביבליאָטעק געפירט זייער אַוטאָ־איפּהערלעכן קלאַסן־קאַמף און פּאַר־טיי־שטרייטיגקייטן. געמלעך, יעדע פּאַרטיי האָט נישט געקאָנט פאַר־טראָגן די אַנוועזנהייט פון די ביכער און זשורנאַלן פון איר געגנער, און אַזוי האָט יעדע פּאַרטיי בשתיקה גענומען אויסרוימען די ליטע־ראַטור פון דער אַנדערער פּאַרטיי.

— דהיינו?

— דהיינו, דער „בונד" האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די ביכער פון די ציוניסטן, — האָבן די ציוניסטן נישט געקאָנט פאַר־טראָגן די ביכער פון „בונד"; דער „בונד" האָט, למשל, אַוועק־געלקחנט די ביכער פון הערצל, ליליענבלום, אחד־העם, וואָס פאַר־פינסטערן דאָס באַוואוסטזיין פון די אַרבייטער־מאַסן, — זענען גע־קומען די ציוניסטן און האָבן בשתיקה אַוועקגענומען די בונדיסטישע ביכער מיט דער גאַנצער סאָציאַליסטישער אַגיטאַציאָנס־ליטעראַטור פון מאַרקס, לאַסאַל, באַקונין, אַסים רימאָוו, קאַושדאַן, א. ליטוואַק, קויטסקי, וואָס פאַרלייקענען די נאַציאָנאַלע געפילן. זענען געקומען די יידישיסטן און האָבן אַוועקגענומען די העברעאישע ביכער, זענען געקומען די העברעאיסטן און אַוועקגענומען די יידישיסטישע ביכער. זענען געקומען די אָרטאָדאָקסן מיט דער „אגודה" אין דער שפּיץ און האָבן אַוועקגענומען זייערע פרייע ביכער, צונעמען א פייער און פאַרברענט זיי אויף א שייטער־הויפן פון דער אינקווי־זיציאָן. אַזוי־אַרום זענען מיר געבליבן אָן איין בוך, בלויז מיט לע־דיגע פּאָליצעס.

דאָסזעלבע איז מיט די צייטונגען: האָט א ציוניסט אַוועקגע־שלעפּט פון טיש די „פאָלקס־צייטונג", איז געקומען א בונדיסט און

צוגעלקחנט פון טיש די „ציוניסטישע בלעטער"; זענען זיי ביידע
געקומען און אוועקגעשלעפט דאס „יודישע טאגעבלאט". זענען גע־
קומען די „פעצעקעם" און צוגעשלעפט דעם ארגאן פון ארבעטער־
יוגנט „פרייהייט". זענען געקומען די מיטגלידער פון ארבעטער־יוגנט
און אפגעריסן דעם ארגאן פון די צעירי־ציון „דער נייער וועג".
זענען געקומען די חברים פון „יוגנט־בונד" און באזייטיגט „די
יידישע שטימע" — דעם ארגאן פון די „פועלי אגודת־ישראל". זענען
געקומען די רעוויזיאניסטן און אוועקגעשלעפט דעם בונדיסטישן
„וועקער". זענען געקומען די קאמוניסטן און אוועקגענומען אלע
זשורנאלן מיט אלע צייטונגען — און א סוף, אן עק! אזוי־ארום
האבן מיר געהאט דעם אמתן חד־גדיא. מען האט אזוי לאנג גע־
שלעפט איינער ביים אנדערן זיין ארגאן, ביז מיר אלע זענען גע־
בליבן נאר אן ארגאנען.

דאסזעלבע אויך מיט די ווענט:

אויך דא האט זיך אפגעשפילט די הינטער־קוליסן־דעמאגאגיע.
גנבעט אראפ דער יידישיסט ביאליקס פארטרעט, קומט א העברע־
איסט און גנבעט אראפ פרצן מיט אשן, קומט א דריטער און
שלעפט אראפ זיי ביידן און הענגט אויף מעדעמען מיט מארקסן;
קומט א פועל־ציון און גנבעט אראפ אלע פארטרעטן און הענגט־
אויף זרובבלן מיט לעוון, קומט אן אלגעמיינער ציוניסט און שלעפט
אראפ זרובבלן און הענגט־אויף באלפורן מיט חיים ווייצמאן, קומט
אן עת־לבטחניק און הענגט־אויף לגאי מארשאל; קומט אן על־המש־
מרניק און רייסט אראפ לגאי מארשאל און הענגט אויף פארלי־
ששוסקין; קומט א רעוויזיאניסט און רייסט אראפ באלפורן מיט
חיים ווייצמאנען און הענגט־אויף זשאבאטינסקין מיט טרומפעלדארן;
קומט א קאמוניסט, רייסט זיי אלעמען אראפ און הענגט־אויף ליט־
וואקאוום שוועסטער; קומט א פאלקיסט און רייסט אראפ ליטוואַ־
קאוום שוועסטער און הענגט אויף ביבערן מיט ווערימקרויטן.

אט אזוי האט מען געהאלטן אין איין רייסן פארטרעטן, ביז
אויך די ווענט זענען געבליבן חרוב און וויסט.

און איצט האבן מיר דאס, וואס איר זעט — א שלאכט־פעלד.
אפילו קיין סימן נישט געלאזן.

אַן אויסטערלישע ביבליאָטעק!...

ער האָט אָפּגעווישט זיין נאַסן שטערן און געענדיקט:

— אַז מען וויל, מיין פֿריינט, איז עס אַ סימבאָליזם אויף דעם גאַנצן יידישן פֿאָלק, אויף זיין לעבן און שאַפֿן בכלל... אַך, כאַכאַ!...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. אין קליינעם שטיבל מיט די לעדיגע פּאָליצעס איז געשטאַנען אַ טויטע שטילקייט. בלויז אַ גרויסע פֿליג האָט געהודזשעט אין ווינקל פֿון אַ ברודיגער שויב...